**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/26/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שיקט ארויס שנעלע וואסער רעטונג טיעם און געצייג צו צפון קאראליינע פאראויס פון האריקעין העלען**

***סטעיט איינגעשטעלטע מאנשאפט מיט קעיניין'ס פון די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס, אפיס פון פייער פארמיידונג און קאנטראל, אפטיילונג פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג און סטעיט פאליציי זענען אויפן וועג***

***קאטעגאריע 3 האריקעין איז ערווארטעט צו אנפאלן פלארידע היינט ביינאכט אדער גאר פרי מארגן***

***בילדער קען מען זעהן [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן די ארויסשיק פון א טיעם פון 16 שנעלע וואסער רעטונג מאנשאפט, צוויי קעיניין'ס און עמערדזשענסי ריספאנס געצייג צו העלפן קאמיוניטיס אפעקטירט פון האריקעין העלען. די טעים, צוזאמגעשטעלט פון מיטגלידער פון די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (Division of Homeland Security and Emergency Services), אפיס פון פייער פארמיידונג און קאנטראל (Office of Fire Prevention and Control), אפטיילונג פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC) און סטעיט פאליציי, זענען אויפן וועג צו קאנאווער,צפון קאראליינע ווי זיי וועלן ווערן ארויסגעשיקט ווי באפוילן.

"ניו יארקער פירן דורך זיין א ביישפיל און העלפן אונזער שכנים אין צייט פון פארצווייפלונג," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אונזער גלענצענדע שנעלע וואסער רעטונג טיעם און די געצייג וואס זיי וועלן מיטברענגען מיט זיך וועלן העלפן ראטעווען לעבנס און אפהיטן פראפערטי'ס פון פאטענציעלע שאדן פון האריקעין העלען. איך באדאנק די דרייסטע ניו יארקער פאר ענטפערן די רוף און איך קוק פאראויס צו זייער זיכערן צוריקקער."

דער טיעם קען אויספירן זיך און וואסער רעטונגען פאר מאנטשן און בעלי חיים, צושטעלן עמערדזשענסי מידיקעל קעיר און העלפן העליקאפטער רעטונג אפעראציעס. זיי זענען טרעינירט צו ארבעטן אין ערטער מיט שווערע צוטריט צו גאסן, איינריכטונגען, טראספארטאציע, און מעדיקעל פאסיליטיס, און מיט ווייניג שעלטער, עסן און וועסער. געצייג געשיקט צו צפון קאראליינע מיט די טיעם נעמט אריין אויפגעבלאזענע שיפן און מאטארן מיט טרעילערס, צוויי הויכע-וואסער רעטונג וויהיקלס און דראנס.

די מאנשאפט זענען ארויגעשיקט געווארן אלץ טייל פון די עמערדזשענסי מענעדזשמענט הילפס קאמפאקט (Emergency Management Assistance Compact, EMAC), די לאנד'ס אלע-געפארן נאציאנאלע אייניגע הילף סיסטעם. EMAC איז געווארן באשטעטיגט דורך די U.S. קאנגרעס (PL 104-321) און איז א געזעץ אין אלע 50 סטעיטס, דער דיסטקריקט אוו קאלאמביע, פאורטא ריקא, גואם, די יו.עס ווירדזשין אינזלען, און די צפון מאריאנא אינזלען. EMAC'ס מיטגלידער קענען מיטטיילן

הילפסמיטלען פון אלע דיסציפלינען, אפהיטן מאנשאפט וואס שיקן ארויס און ווערן צוריקגעצאלט פאר מיסיע-פארבינדעטע קאסטן.

**דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדשענסי סערוויס קאמישאנער דשעקי ברעי האט געזאגט**, "ניו יארקער ווייסן גאר גוט די שאדנס וואס שווערע וועטער קען ברענגן אויף א קאמיוניטי. אונז זענען אייביג גרייט צו אויסטרעקן א האנט צו העלפן אנדערע סטעיטס אין נויט, און מיר באדאנקן די וואס זענען יעצט אויפן וועג צוצושטעלן הילף צו די וואס וועלן ווערן אפעקטירט פון האריקעין העלען."

**דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג צייטווייליגע קאמישאנער סיען מאהאר האט געזאגט,** "DEC וואלד קעמפער זענען איינער פון די העכסט טרענירטע זיכן און רעטונג פראפעסיאנאלן אין די לאנד און מיר זענען גליקליך אז זיי זענען אייביג גרייט צו ענטפערן די רוף ווען אנדערע סטעיטס זענען אין נויט. אזויווי צוגרייטונגען צו האריקעין העלענ'ס אנפאל גייט ווייטער אן, באדאנק איך אונזער עקספערטן פאר אננעמען די פראבע און זיך איינצושליסן מיט א טיעם פון העלדן לענגאויס ניו יארק סטעיט."

**ניו יארק סטעיט פאליציי סופעראינטענדענט סטיווען דזשיי. דזשעימס האט געזאגט,** "די ניו יארק סטעיט פאליציי האט אייביג גענטפערט די רוף פאר הילף ווי עס איז נאר נויטיג. מיר זענען שטאלץ צו ארבעטן האנט ביי האנט מיט די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדשענסי סערוויסעס, אפיס פון פייער פארמיידונג און דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג צו פארמינערן די עמערדשענסי סיטואציע. אונזער מיטגלידער וועלן העלפן אונזער פארטנערס מיט פובליק זיכערהייט און הוילונג באמיאונגען ווי לאנג נויטיג."

די שנעלע וואסער רעטונג טיעם איז בלויז די לעצטע ביישפיל פון ניו יארק סטעיט'ס הילף פאר אנדערע סטעיט'ס צו ארויסהעלפן מיט עמערדשענסיס. זייט די אנהויב זומער האט גאווערנער האקול ארויסגעשיקט א סך הכל פון 45 ניו יארקער, אריינגערעכנט 26 דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (DEC) וואלד קעמפער, צו באקמפן וואלפייערן אין מאנטאנא און ארעגאן. ניו יארק'ס גאר גוט טרענירטע וואלד פייערלעשער סערווירן אלץ טעסק פאורס פירער, פאסיליטי איינהייט פירער, מאטאר מאנשאפט, און אינטערדריקונג טיעמס. איין וואלד קעמפער גרופע בלייבט אין באנוץ צו דער האומסטעד קאמפלעקס פייער אויף די אמפקווא נאציאנאלע וואלד אין ארעגאן און איז באשטימט אהיימצוקומען אויף אקטאבער 9.

האריקעין העלען, וואס איז אין די יעצטיגע צייט א 3 קאטאגאריע שטורעם, איז ערווארטעט צו זיך פארשטערקערן און אנפאלן די ביג בענד געגנט פון פלארידע היינט ביינאכט אדער פרייטאג גאר פרי מיטברענגענדיג ווינטן נאנט צו 100 מייל פער שעה. נאכן אנפאל, איד העלען ערווארטעט צו זיך דרייען צפון-מערב'דיג און זיך פארשטאטערן איבער טענעסי וועלי אויף פרייטאג און שבת.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן